

## דער יונגער קינדס

לייבל באַטווינניק / ביאַליק־מיטלשול, מאָנטרעאַל

# טביהס אַ בריוו פֿון ניי־פֿראַנקרייך פֿון יאָר 1977

צי טראַכט איר פֿון מיר מ״ר שלום עליכם וואָס איך שרייב אייך ניט שוין עטלעכע יאָר? זאָרגט זיך ניט, ס׳איז נאָר דערפֿאַר וואָס שיקן אַ בריוו קאָסט שוין מיט 11 סענט טייערער — 19 סענט שוין. ביי אייך אין קאַנאַדע איז אויך אַזוי טייער? ווען איר קומט צו אונדז אין ניי־פֿראַנקרייך (די אַמאָליקע קוועבעק) פֿאַרגעסט ניט מיטצונעמען אַ פֿראַנצייזיש־יידישן ווערטערבוך — נאָר דאָס אַליין וועט קיין סך ניט העלפֿן, ווייל מע רעדט דאָ אַ צעהרגעטן פֿראַנצייזיש.

איך ווער שוין אַלט פֿאַר דער צייט. אין דער אַלטער היים, פֿון וואַנעט מיינע זיידעס און באָבעס האָבן געשטאַמט, האָבן יידן געהאַט זייערע אייגענע פּראָבלעמען. אונדזערע חכמים האָבן אַזוי געזאָגט: „איין צאָר, אַ סך צרות.״ און אַזוי איז ביי אונדז, דאָ, הינטער דעם „הילצערנעם פּירהאַנג״. אָט וועל איך אייך דערציילן וואָס עס האָט דאָ פּאַסירט.

נאָך די ניט־דערוואַרטעטע וואַלן אין אויגוסט 1975 איז דאָס רעגירן אַריבער צו די פּראַנ־צויזן — זיי האָבן געצויגן די מערהייט שטימען! וואָס זשע האָבן זיי געטאָן? — זיי האָבן דעקלאַרירט קוועבעק פֿאַר אַ זעלבסטשטענדיקער מלוכה. דאַן האָבן זיי מאָביליזירט די קווע־בעקער אַרמיי, און זיי האָבן זיך גענומען גרייטן צו אַ מלחמה קעגן קאַנאַדע. נאָר היות 3/5 פֿון קאַנאַדער אַרמיי זיינען געווען אָדער סימפּאַטיקערס פֿון די פֿראַנצויזן, אָדער טאַקע אַליין געווען פֿראַנצויזן, איז גאָרניט געוואָרן.

בקיצור, מען האָט אַלע ענגליש־רעדנדיקע אַרויסגעשיקט פֿון לאַנד. יידן איז דער־לויבט געוואָרן סיי בלייבן סיי פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד. העברעיִש האָט מען פֿאַרבאָטן אין די יידישע שולן און דערלאָזט האָט מען נאָר יידיש. געמיינט האָבן זיי אַז אַזוי וועלן זיי אונדז אַסימילירן. קיין קלוגע קענען זיי ניט זיין. יידיש איז דאָך אונדזער קולטור. ווי זשע קען מען אונדז אַסימילירן אויב מען דערלויבט אונדז אויפֿצוהיטן אונדזער קולטור?

דער קענעדער אָדלער, וואָס איז אַוועק פֿון מאָנטרעאַל קיין וויניפּעג און דער ניו־יאָרקער פֿאָרווערטס זיינען דאָ קאָנטראַבאַנד, ווייל זיי קומען פֿון דער „פֿרעמד״. קול־ביאַליק איז איצט די איינציקע יידישע צייטונג אין ניי־פֿראַנקרייך וואָס גייט אַרויס טעגלעך. פֿון צייט צו צייט באַווייזט זיך אַן אויסגאַבע פֿון ווילנער פֿאַרבאַנד, אָדער פֿון מאָנטרעאַלער יידישן קאָנגרעס.

אין די שולן זיינען העברעיִשע לימודים, תּנ״ך און גמרא געאָסרט. יידישע געשיכטע ווערט געלערנט אויף פֿראַנצייזיש, דערפֿאַר וואָס מ׳האָט עס פֿריִער געלערנט אויף ענגליש. אַלע אַנדערע לימודים זיינען אויף פֿראַנצייזיש. און איצט — מיינע פּראָבלעמען...

בקיצור, איין טאָג פֿאָר איך מיטן „טראַק,״ רעדנדיק מיט די זעקס פֿערד וואָס שלעפּן עס. (איר ווייסט דאָך, אַלץ איבערן ענערגיע־קריזיס...) הכלל, פֿאָר איך אַהיים פֿון סיינט־אַגאַטי — דאָרטן ווו יידן גייען אויף דאַטשע. ס׳איז ניט קיין שווערע אַרבעט פֿאָרן פֿון מאָנטרעאַל קיין סיינט־אַגאַט, פֿאַרקויפֿן מילך, פּוטער און קעז. נאָר אויפֿן וועג אַליין ווערט אַ מאָל אומעטיק.

פֿאַר איך אַזוי, טרעף איך אַן אונטערפֿאַרער, אַ שלימזל מיט לאַנגע האָר, שמוציקע צעריסענע קלײדער, און אַ פּעקל אויף די אַקסלען מיט אַ מגן־דוד צוגעקלעפּט פֿון הינטן. פֿרעג איך אים צי ער קען ייִדיש, ענטפֿערט ער מיר מיטן קאָפּ אויף יאָ. זאָג איך צו אים: „וווּהין גייסטו?". ענטפֿערט ער: „איך גײ שפּאַצירן." פֿרעג איך אים ווי ער הייסט, ענטפֿערט ער מיר, אַז ער הייסט פּערי ראָזנפֿעלד. פֿרעג איך אים וואָס טוט זײַן טאַטע, זאָגט ער מיר, אַז ער איז דער הויפּט פֿון אַ פּאַפּיראָסן־פֿאַבריק. טראַכט איך בײַ זיך, אַ רײַכן פּאַפּיראָסניקס אַ קינד, און ער גייט אַרום ווי אַ שלומיאל. מילא, מען זעט, אַז ער איז אַ קלוגער — אַ גוטער שמועסער. ער איז אַ מענטש וואָס מיט אים קען מען רעדן. נעם איך אים אַרויף אויפֿן „טראָק".

פֿאָרן מיר, ביז מיר דערנענטערן זיך צו מאָנטרעאַל. פֿאַרבעט איך אים צו מיר צו פֿאַרברענגען צוזאַמען אַן אָונט מיט דער משפּחה. קומען מיר אָן אין שטוב, איך פֿיר אַרײַן דעם „טראָק" אין גאַראַזש, און לאָז אָפּ די פֿערד אין הויף, עסן, און אָפּצוגריזשען דאָס גראָז.

נאָכן עסן זײַנען מיר אַרויס אויפֿן גאַניק, דעם פּאַפּיראָסניקס זון, פּערי הייסט דאָס, און איך. מיר זיצן און מיר רעדן. פֿרעג איך אים וואָס זײַן ציל אין לעבן איז, ענטפֿערט ער — אַז ער וויל מאַכן ענדערונגען אין מלוכה־סדר.

קומט אַרײַן הענריעטאַ (איך רוף זי האָדל) און הערט זיך צו.

הייבט ער מיר אָן דערציילן, פּערי הייסט דאָס, וואָס ער און נאָך אַזעלכע ווי ער ווילן ענדערן:

— „ערשטנס, זאָגט ער, פּראָגראַמען..."

— „דו מיינסט דאָך פּאָגראָמען. — אַזעלכע זאַכן טוט מען מער ניט!"

— „ניין, ענטפֿערט ער, איך מיין טאַקע פּראָגראַמען, טעלעוויזיע־ און ראַדיאָ־פּראָגראַמען. פֿריִער, ווען מיר זײַנען געווען אַ טייל פֿון קאַנאַדע, זײַנען געווען גוטע פּראָגראַמען און פֿילמען אויף ענגליש, מיט זייער אַ סך סטאַנציעס אויסצוקלײַבן פֿון זיי לויטן אינטערעס. אויף ראַדיאָ זײַנען געווען אַלערלײ פֿײַנע לידער פֿון אַמעריקע, קאַנאַדע, ענגלאַנד און אויסטראַליע. איצט אָבער, זײַנען נאָר דאָ דרײַ טעלעוויזיע־סטאַנציעס אויף פֿראַנצייזיש, מיט נאַרישוואַטע פּראָגראַמען און פֿילמען. קיין גוטע ביכער קומען ניט אַרויס, און קיין גוטע מוזיק הערט מען ניט. לידער זײַנען ניט קיין גוטע, פֿילמען טויגן ניט, און ביכער אויך ניט. מען דאַרף צוריקברענגען דעם אַלטן סיסטעם, און צוריק ווערן אַ טייל פֿון קאַנאַדע, אַדער נאָך בעסער, ווערן אַ טייל פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן."

געענדיקט, אָפּגעזאָגט זײַנס, הייבט ער זיך אויף, קוקט אויף האָדלען, זי קוקט אויף אים, זיי גיבן איינע דעם אַנדערן די הענט, און זאָגן אין איינעם: „מיר האָבן זיך פֿאַרליבט און ווילן אַוועקגיין."

— נאָך 12 מינוט פֿון זען איינעם דעם אַנדערן, האָבן זיי זיך פֿאַרליבט, הערט נאָר אַ מעשׂה!...

וואָס איז געשען מיט די יונגע דורות ייִדן? זיי גייט מער ניט אָן סאָציאַלע פּראָבלעמען צי אַפֿילו די צרות פֿון אַרבעטערס. זיי זאָרגן זיך ניט וועגן אָרעמע און ניט וועגן הונגעריקע. איצט זײַנען זיי אַוועק ערגעץ ווו ווײַט, ראַטעווען די אינדיאַנער און עסקימאָסן.

נאָר טביה איז ניט קיין ייִדענע. פֿרויען זײַנען פֿול מיט שטאַרקייט, כּוח און מוט, ניט סענטימענטאַל... טביה איז ניט קיין ייִדענע, ער איז אַ שוואַכער, ער קען ניט גיין אַרבעטן טאָג איין, טאָג אויס ווי סע טוען איצט די פֿרויען.

ער קען ניט גיין צו אַ בני־ברית־פֿאַרזאַמלונג, דערנאָך אַנטלעפֿאַנירן צום הסתּדרות רעדן וועגן געלט־ענינים, און דאַן באַקן קיכלעך מיט טאָרטן און זיי פֿאַרקויפֿן, און ערשט צו גיין צו אַ לערער־עלטערן־זיצונג און וואָלאַנטירן מיטצואַרבעטן אויף 10 פֿאַרשיידענע קאָמיטעטן.

ניין, טביה איז פּשוט ניט קיין ייִדענע, איך בין נאָר אַ פּראָסטער מענטש, אַ פּשוטער מענטש, אַ פּשוטער ייִד. אָט זיץ איך, און שרײַב, און וויין, טראַכטנדיק פֿון פּערין, האָדלען און פֿון דעם יונגן דור ייִדעלעך וואָס וואַקסט אויס.

# הערות

1. „הילצערנעם פּירהאַנג״ — פֿאַרגלײַכנדיק מיטן „אײַזערנעם פּירהאַנג״, ווײַל עס זײַנען דאָ אַ סך ביימער אין קוועבעק.
2. פֿאַרבאָטן העברעיִש און דערלויבן ייִדיש — ענלעך צו די פּאַסירונגען אין רוסלאַנד נאָכן איבערקערעניש אין אָקטאָבער 1917. (הלוואַי וואָלט אַזוי געווען מיט ייִדיש, מען זאָל עס טאָקע „דערלויבן,״ נאָר אין ביאַליק־מיטלשול איז דאָ ווייניק ייִדיש, נאָר דרײַ 45 מינוטיקע פּעריאָדן אין וואָך).
3. קול־ביאַליק — אונדזער שולצײַטונג וואָס גייט אַרויס איין מאָל אין דרײַ חדשים אויף ענגליש. אָבער אין 77סטן יאָר וועט אַנדערש זײַן. ס׳וועט אַרויס טאָג־טעגלעך (אָדער וואָכנדיק) אויף ייִדיש.
4. ייִדישע געשיכטע — ווערט געלערנט אין ביאַליק־שול אויף ענגליש נאָר עס ווערט פֿאַררעכנט פֿאַר ייִדיש לשון, און אַזוי אַרום לערנט מען ווייניקער ייִדיש און מער העברעיִש. (אויך תּנ״ך און חומש לערנט מען בלויז אויף העברעיִש כאָטש מען פֿאַרטײַטשט אויף ענגליש.) אַזוי ווערט בעטאָן קעגן מײַנע און מײַן טאַטנס פּראָטעסטן. מעגלעך אַז צום נײַעם שוליאָר וועלן עטלעכע קינדער לערנען ייִדישע געשיכטע אויף ייִדיש.
5. סיינט־אַגאָט (St. - Agathe) — אַ קליין שטעטל, אַרום פֿופֿציק מײַל פֿון מאָנטרעאָל, ענלעך צו דער שטאָט „ליבערטי״ אין די קעטסקיל־בערג אין ניו־יאָרק.
6. טעלעוויזיע — די פּראָגראַמען און די פֿילמען וואָס מען ווײַזט זײַנען מערסטנס אַמעריקאַנער, אויך פֿון ענגלאַנד און אויסטראַליע. עס זײַנען אויך דאָ אייבענע פּראָגראַמען אויף ענגליש. אויף פֿראַנצייזיש זײַנען דאָ מערסטנס פֿאַרטײַטשטע פֿילמען פֿון ענגליש. אויף אונדזערע טעלעוויזאָרס דערגרייכן אויך אַמעריקאַנער סטאַנציעס, נאָר מען וויל דאָס ענדערן.
7. אין דער אמתן זײַנען די לידער אין פֿראַנצייזיש יאָ פֿײַנע, און די ביכער אויך, נאָר פּערי מיינט, אַז זיי טויגן ניט.